# עסן אינדרויסן הייצונג סיסטעמען

NYC Buildings

בשעת די קעלטערע ווינטער מאנאטן, קען זיין שווער צו האלטן קאסטומערס באקוועם בשעת׳ן עסן אינדרויסן. ארויסצוהעלפן, טוט דער סיטי׳ס אפענע רעסטאראנטן פראגראם פאר טראטואר און גאס עסן ערלויבן עסן און טרינקען עסטאבלישמענטס צו אינסטאלירן הייצונג סיסטעמען אינדרויסן.

NYC ערלויבט רעסטאראנט אייגנטומער צו אויסוועלן צווישן דריי באזונדערע סארט הייצונג סיסטעמען פאר זייער עסן אינדרויסן אויסשטעל:

1. עלעקטרישע הייצערס
2. נאטורליכע גאז הייצערס
3. פראפעין הייצערס

יעדע פון די דריי סארט הייצונג סיסטעמען באזונדער פארמאגט אייגענע קאסטן, פארדינסטן, און ספעציפישע רעגולאציעס וואס מוזן אויסגעפאלגט ווערן. אפגעזען פון די הייצונג סיסטעם וואס איר וועלט אויס, זענט איר געפאדערט צו פארזיכערן אז די הייצונג איז ריכטיג אינסטאלירט און גענוצט אויף א זיכערן אופן. דאס מיינט דינגען לייסענס׳ד פראפעסיאנאלן צו טון די ארבעט, באקומען פערמיטס ווען נויטיג, און אויספאלגן די פירמע׳ס אנווייזונגען ביים נוצן די הייצערס. פארפעלן צו נוצן די הייצער אין דער וועג וואס די פירמע האט אינזין געהאט קען צוברענגען ערנסטע פייער ריזיקעס.

## עלעקטרישע הייצונג סיסטעמען

די פאררינגערטע וועגווייזער אונטן איז געמאכט פאר אייגנטומער פון עסן און טרינקען עסטאבלישמענטס וועלכע זוכן אנווייזונגען אויף וויאזוי צו אינסטאלירן עלעקטרישע הייצונג סיסטעמען פאר עסן אינדרויסן. [א מער פרטיות׳דיגע וועגווייזער איז אוועילעבל אויף אונזער וועבסייט דא]. געדענקט אז אין NYC, זענען עלעקטרישע הייצערס ערלויבט אויפ׳ן סיידוואלק און אויך אין די גאס.

**שריט 1 דינגט א לייסענס׳ד מעסטער עלעקטרישען**

- דאס איז די וויכטיגסטע שריט, און עס קען נישט ווערן איבערגעהיפט. אויב איר ווילט אינסטאלירן אן עלעקטרישע הייצונג סיסטעם פאר עסן אינדרויסן, **מוזט** איר דינגען א לייסענס׳ד מעסטער עלעקטרישען.
- צו אינסטאלירן עלעקטרישע הייצונג פאר עסן אינדרויסן, וועט זיך מעגליך פארלאנגען ארבעט אויף די געביידע׳ס יעצטיגע עלעקטרישע דראט סיסטעם, און צו אינסטאלירן פאסיגע דרויסנדיגע אויטלעטס. די ארבעט פאדערט פערמיטס, וואס א לייסענס׳ד מעסטער עלעקטרישען קען באקומען. עלעקטרישע ארבעט טאר נישט געטון ווערן אן קיין באשטעטיגטע עלעקטרישע פיילינג און א DOB ארבעט פערמיט.



- א לייסענס'ד מעסטער עלעקטרישען, וועלכע איז אין גוטע שטאנד מיט די דעפארטמענט אוו בילדינג, וועט זיין באקאנט מיט אלע גילטיגע רעגולאציעס, ער וועט וויסן וויאזוי צו באקומען די ריכטיגע פערמיטס, און ער וועט קענען דורכפירן די נויטיגע עלעקטרישע דראטן ארבעט פאר די נייע הייצונג סיסטעם.
- איר קענט נאכקוקן די לייסענסינג סטאטוס פון עלעקטרישענס אין NYC דורך באזוכן די [דעפארטמענט'ס געביידעס אינפארמאציע סיסטעם (BIS) וועבסייט](#).
- אלע עלעקטרישע ארבעט אין ניו יארק סיטי מוזן ווערן דורכגעפירט דורך א לייסענס'ד מעסטער עלעקטרישען. עס איז געפארפול און אומגעזעצליך פאר איינער וואס איז נישט קוואליפיצירט צו דורכצופירן עלעקטרישע ארבעט אין ניו יארק סיטי.

**שריט 2 באקומט אייער אינספעקשאנס**

- איינמאל אייער לייסענס'ד מעסטער עלעקטרישען האט באקומען פערמיטס און דורכגעפירט די ארבעט צו אינסטאלירן אייער נייע עלעקטרישע דרויסנדיגע הייצונג סיסטעם, קען ער עס אנצינדן ווען זיי האלטן אז עס איז געענדיגט און פארזיכערט. כאטש עס פעלט נישט אויס צוווארטן פאר א DOB אינספעקשאן כדי אנצוצונדן די סיסטעם, איז אן אינספעקשאן נאך אלץ געפאדערט און מוז ווערן דורכגעפירט.
- ביטע באמערקט אז כאטש וואס טייל קליינע עלעקטרישע ארבעט פאדערט נישט קיין DOB אינספעקשאנס, איז דאס יא געפאדערט ביים אינסטאלירן נייע דראטן און אויטלעטס. אויך, אויב א נייע עלעקטרישע פאנעל ווערט אינסטאלירט, איז אן עלעקטרישע שנעלע אינספעקשאן געפאדערט איידער ענערדזשייז'ן דעם פאנעל. פאר אלע געפאדערטע אינספעקשאנס, קען אייער עלעקטרישען איינגעבן אן אפיציעלע אינספעקשאן פארלאנג מיט DOB. איינמאל דער פארלאנג איז געמאכט, וועט DOB שיקן אן אינספעקטאר צו דער לאקאציע צו מאכן זיכער אז אלעס איז פארזיכערט און איינשטימיג.

**שריט 3 צינדט אן אייער הייצונג סיסטעם**

- יעצט אז אייער עלעקטרישע סיסטעם איז שוין ריכטיג אינסטאלירט און אינספעקטירט, קען אייער דרויסנדיגע הייצונג סיסטעם ווערן אנגעצונדן און געפירט דורך אייער רעסטאראנט שטאב.
- גערענקט אלעמאל אויסצופאלגן די פירמע'ס אנווייזונגען ווען איר נוצט די עלעקטרישע הייצונג סיסטעם, אריינגערעכנט אנווייזונגען לגבי פלאצירונג פון די הייצערס און וויאזוי זיי צו ריכטיג באהעפטן.

## נאטורליכע גאז הייצונג סיסטעמען

דער פארגרינגערטע וועגווייזער אונטן איז געמאכט פאר אייגנטומער פון עסן און טרינקען עסטאבלישמענטס וועלכע זוכן אנווייזונגען אויף וויאזוי צו אינסטאלירן נאטורליכע גאז הייצונג סיסטעמען פאר עסן אינדרויסן. [א מער פרטיות'דיגע וועגווייזער איז אוועילעבל אויף אונזער וועבסייט דא](#). גערענקט אז אין NYC, זענען נאטורליכע גאז הייצערס נאר ערלויבט אויף'ן טראטואר. איר טארט זיי נישט אריינרוקן אין די ראדוועיס.

**שריט 1 דינגט א לייסענס'ד מעסטער פלאמבער**

- דאס איז די וויכטיגסטע שריט, און עס קען נישט ווערן איבערגעהיפט. אויב איר ווילט אינסטאלירן א נאטורליכע גאז הייצונג סיסטעם פאר עסן אינדרויסן, **מוזט** איר דינגען א לייסענס'ד מעסטער פלאמבער.
- צו אינסטאלירן נאטורליכע גאז הייצערס פאר עסן אינדרויסן, וועט זיך מעגליך פארלאנגען ארבעט אויף'ן געביידעס יעצטיגע נאטורליכע גאז רערן סיסטעם. די ארבעט פאדערט פערמיטס, וואס א לייסענס'ד מעסטער פלאמבער קען באקומען. גאז ארבעט טאר נישט געטון ווערן אן קיין באשטעטיגטע LAA פיילינג און א DOB ארבעט פערמיט.
- א לייסענס'ד מעסטער פלאמבער, וועלכע איז אין גוטע שטאנד מיט די דעפארטמענט אוו בילדינגס, וועט זיין באקאנט מיט אלע גילטיגע רעגולאציעס, ער וועט וויסן וויאזוי צו באקומען די ריכטיגע פערמיטס, און ער וועט קענען דורכפירן די נויטיגע גאז פלאמבינג ארבעט פאר די נייע הייצונג סיסטעם.
- איר קענט נאכקוקן די לייסענסינג סטאטוס פון פלאמבערס אין NYC דורך באזוכן די [דעפארטמענט'ס געביידעס אינפארמאציע סיסטעם (BIS) וועבסייט](#).
- אלע גאז פלאמבינג ארבעט אין ניו יארק סיטי מוז ווערן דורכגעפירט דורך א לייסענס'ד מעסטער פלאמבער אדער א מענטש מיט גאז ארבעט קוואליפיקאציעס. עס איז געפארפול און אומגעזעצליך פאר איינער וואס איז נישט קוואליפיצירט צו דורכצופירן גאז ארבעט אין ניו יארק סיטי.

## שריט 2 באקומט אייער אינספעקשאנס

- DOB - איינמאל אייער לייסענס׳ד מעסטער פלאמבער האט באקומען פערמיטס און דורכגעפירט די ארבעט צו אינסטאלירן אייער נייע נאטורליכע גאז דרויסנדיגע הייצונג סיסטעם, וועט די ארבעט מוזן ווערן אונטערגעזוכט דורך DOB. אייער פלאמבער קען אריינגעבן אן אפיציעלע אינספעקשאן פארלאנג מיט DOB. איינמאל דער פארלאנג איז געמאכט, וועט DOB שיקן אן אינספעקטאר צו דער לאקאציע צו מאכן זיכער אז אלעס איז פארזיכערט און איינשטימיג.
- FDNY – נאך אייער DOB אינספעקשאן, פאדערט זיך אויך א FDNY אינספעקשאן צו פארזיכערן אז די ארבעט איז איינשטימיג מיט די NYC פייער קאוד. אייער לייסענס׳ד מעסטער פלאמבער קען אויך סקעדזשול׳ן די אינספעקשאן מיט די FDNY. מען מוז באקומען FDNY פערמיטס און סערטיפיקאטן פון פיטענס פון FDNY כדי צו קענען געזעצליך נוצן אייער פריש-אינסטאלירטע נאטורליכע גאז הייצונג סיסטעם.
- יוטיליטי פירמע – נאך אלע אייערע אינספעקשאנס זענען פאראיבער, קען אייער לייסענס׳ד מעסטער פלאמבער דאן רופן אייער לאקאלע יוטיליטי פירמע, וואס וועט קענען אנצינדן די גאז סערוויס פאר אייער נייע נאטורליכע גאז הייצונג סיסטעם.

## שריט 3 צינדט אן אייער הייצונג סיסטעם

- יעצט אז אייער גאז הייצונג סיסטעם איז שוין ריכטיג אינסטאלירט, אינספעקטירט, און אייער גאז סערוויס איז אנגעצונדן געווארן דורך די יוטיליטי פירמע, קען אייער דרויסנדיגע הייצונג סיסטעם ווערן אנגעצונדן און געפירט דורך אייער רעסטאראנט שטאב.
- געדענקט אלעמאל איסצופאלגן די פירמע׳ס אנווייזונגען ווען איר נוצט די נאטורליכע גאז הייצונג סיסטעם, ארייננערעכנט אנווייזונגען לגבי פלאצירונג פון די הייצערס און וויאזוי זיי צו ריכטיג באהעפטן.



## פראפעין הייצונגען

פראפעין הייצערס זענען זעלבסט-קאנטעינ׳ד הייצונג עלעמענטן וועלכע נוצן טוישבארע פראפעין גאז טאנקען אינעווייניג אין די הייצונגען צוזשטעלן היץ.

די הייצערס פאדערן נישט קיין DOB פערמיטס אדער אינספעקשאנס, אבער זיי זענען אונטער FDNY רעגולאציעס.

ביטע באזוכט די FDNY וועבסייט פאר פרטיות׳דיגע אינפארמאציע וועגן נוצן פראפעין הייצערס פאר עסן אינדרויסן אין NYC.